# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו




## דורש טוב

**ויגר מואב מפני העם כי רב הוא:**

דער רבי ר' **יונתן אייבשיץ** זי"ע זאגט א שיין ווארט, אז באמת וואלט ווען מואב נישט געדארפט מורא האבן פון כלל ישראל אז זיי וועלן קומען מלחמה האלטן, ווייל דער אייבערשטער האט זיי אנגעזאגט **'אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה'** אז מען טאר נישט מלחמה האלטן מיט מואב.

נאר די גמרא זאגט אז **'עמון ומואב טהרו בסיחון'** דורכדעם וואס סיחון האט איינגענומען די לענדער פון עמון ומואב, מעגן שוין יעצט די אידן מלחמה האלטן מיט די צוויי לענדער, ווייל זיי קריגן זיך שוין נישט מיט עמון ומואב נאר מיט סיחון ווייל דאס געהערט שוין פאר אים.

דאס ווענדט זיך אבער אין א מחלוקה פון רב ושמואל צו קרקע נגזלת אדער קרקע אינה נגזלת, צו ווען איינער גזל'ט קרקע גייט דאס אריבער צום רשות פונעם גזלן אדער נישט, לויט רב איז קרקע נגזלת האט סיחון געקענט גזל'ן דאס לאנד פון עמון ומואב, ממילא מעגן שוין אידן גיין מלחמה האלטן מיט מואב, אבער לויט

## ידיעות פון די וואך

### מצות קריאת שמע

**הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא לא ישכב עד יאכל טרף:** זאגט רש"י: **לא ישכב עד שיקרא קריאת שמע על מטתו.**

דער הייליגער **ייטב לב** זי"ע טוט באמערקן, אז איבעראל ווי די תורה רעדט פון טאג און נאכט שטייט קודם **ויהי ערב** און נאכדעם **ויהי בוקר**, קודם נאכט און נאכדעם צופרי, און פארוואס שטייט דא קודם פון אויפשטיין און נאכדעם פון לייגן.

עס שטייט אין די **ספרים הקדושים** א סגולה צו קענען אויפשטיין פארטאגס, אז ער זאל ליינען קריאת שמע מיט כוונה און ער זאל דאן מתפלל זיין אז השי"ת זאל אים העלפן אויפצושטיין ווען ער וויל, דעמאלט נעמט השי"ת די נשמה אלץ פקדון און גיט עס אפ אין די באשטימטע צייט וואס ער האט געבעטן.

דאס זאגט דער פסוק: **הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא**, אז די אידן שטייען אויף פארטאגס בזריזות צו גיין דינען השי"ת. ווי אזוי קענען זיי אויפשטיין אזוי פונקטליך ווען זיי ווילן? **לא ישכב עד יאכל טרף** ווייל ער ליינט קריאת שמע מיט כוונה, דאס איז די סגולה אויפצושטיין.

די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף י"ב ע"ב) **אמר ר' אבהו בקשו לקבוע פרשת בלק בקריאת שמע, ומפני מה לא קבעוה מפני טורח ציבור.** אז באמת האבן חז"ל געוואלט צושטעלן פרשת בלק צו פרשת קריאת שמע, אבער מפני טורח הציבור האט מען דאס נישט געטון.

פארוואס האבן זיי דאס געוואלט ארייליגן אין קריאת שמע? צוליב דעם פסוק **הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא**, און ווי רש"י טייטשט דעם פסוק אז ווען אידישע קינדער שטייען אויף אינדערפרי פון שלאף לויפן זיי כאפן די מצוות, זיי טוען אן דעם טלית, ליינען קריאת שמע, און אנטון תפילין. פרעגט די גמ' זאל מען זאגן נאר דעם פסוק. ענטפערט די גמ' אז דארט ווי משה רבינו האט נישט אפגעטיילט קיין פרשיות טוען מיר דאס נישט אליין.

שרייבט דער **מהרש"א** אין חידושי אגדות מיט וואס זענען אידישע קינדער זענען צוגעגליכן ווי א לביא, בזה"ל **"דוודאי אין מי שיקום את הלביא אלא הוא קם מאליו בזריזות כך יש לו לאדם לעמוד מאליו בזריזות בזמן קריאת שמע של שחרית שלא יעבור זמנו.** אז פונקט ווי דער לביא ווארט נישט אז מען זאל אים קומען וועקן נאר ער שטייט אליינס אויף מיט א זריזות אזוי דארף מען אליין אויפשטיין בזריזות אז מען זאל ח"ו נישט עובר זיין דעם זמן קריאת שמע.

*

**טייערע תלמידים!**

**זייט דאס מקבל אויף אייך און נעמט דאס אן אין הארצן כיתד שלא תימוט אז עס זאל בשום אופן נישט קענען פאסירן אז מען זאל פארשלאפן דעם זמן קריאת שמע, אפילו שב"ק, אפילו ווען מען לייגט זיך שפעט, גארנישט טוט נישט בארעכטיגן עובר צו זיין אזא הייליגע מצות עשה מן התורה, און די שרעקליכע עונשים וואס קומען דערויף! און גלייכצייטיג ארייננכאפן די ברכות וואס שטייען אויף ווער עס ליינט קר"ש!**

שמואל אז קרקע אינה נגזלת, האט סיחון נישט געקענט אוועקנעמען דאס לאנד פון עמון ומואב, און די אידן האבן נישט געמעגט מלחמה האלטן מיט זיי אוועקצונעמען דאס לאנד.

מיט דעם טייטשט דער רבי ר' יונתן **ויגר מואב מפני העם**, ווייסט פארוואס מואב האט מורא געהאט פון די אידן אז זיי וועלן קומען מלחמה האלטן מיט אים, **כי רב הוא**, ווייל ער האט געוואוסט אז די הלכה בלייבט ווי רב אז קרקע נגזלת, ממילא האט סיחון געקענט אוועקנעמען דאס לאנד פון עמון ומואב און די אידן קענען שוין גיין מלחמה האלטן מיט סיחון.

*

**ויגר מואב מפני העם כי רב הוא:** די גמרא זאגט אז אויב די אידן וואלטן זיך געהאלטן אינאיינעם באחדות, מיט ליבשאפט, וואלט קיין שום פאלק זיי נישט געקענט בייקומען. (אזוי ווי א גרויסע בינטל מיט רארן, וואס מען קען נישט צוברעכן, אבער אז מען צוטיילט די רארן קען מען יעדעס איינע זייער גרינג צוברעכן).

און איבעראל אין די תורה וואו עס שטייט אויף אידן א לשון יחיד ווייזט עס אויף אחדות, ווי רש"י זאגט אויפן פסוק **"ויחן שם ישראל"**, אז עס שטייט מיט א לשון יחיד, ווייל די אידן האבן זיך ליב געהאט **"כאיש אחד בלב אחד"**.

טייטשט מיט דעם דער הייליגער **ישמח משה** זי"ע דאס זאגט דער פסוק: **ויגר מואב** און מואב האט מורא געהאט מפני העם פון די אידן, פארוואס? **כי רב "הוא"** (הוא איז אויך א לשון יחיד), ווייל "ער" איז אסאך, דאס מיינט אז אלע אידן האלטן זיך אינאיינעם, און וועגן דעם קען ער נישט שלעכטס טוהן פאר די אידן.

# מעשה רב

פאסירט האט די פאלגענדע מעשה אין פרשת בלק ווען עס איז געקומען צו פארן **צום רבי'ן רבי מאיר'ל פרעמישלאנער** זי"ע א איד, א רב, וועלכער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, אבער נישט דער גרעסטער תלמיד חכם.

אט דער רב איז מכובד געווארן מיט אן עלי' לתורה, במקום כהן, ווען ער איז צוגעקומען צו די ספר תורה, נאך איידער ער האט געמאכט די ברכה אויף די תורה האט אים רבי מאיר'ל געזאגט:

"זאג נאר, וואס איז בלק געווען, א איד אדער א גוי?".

דער רב איז ערשטוינט געווארן הערענדיג די שאלה, און ער האט געענטפערט "מסתמא איז ער געווען א גוי, ער איז דאך געווען א מואבי"

פרעגט דער רבי ר' מאיר'ל "אויב אזוי זאג מיר דעם טעם פארוואס ווערט אנגערופן א סדרה אין די תורה אויפן נאמען פון א גוי? פארוואס קומט זיך פאר א גוי א רשע, אז ער זאל באקומען א סדרה אין די תורה.

דער רב האט גארנישט געענטפערט אויף די שאלה.

האט רבי מאיר'ל געזאגט "איך וועל אייך זאגן דעם תירוץ אויף די שאלה, הערט א מעשה".

געווען איז דאס אמאל ווען מאיר'ל איז געגאנגען מיט א חבר אינאיינעם צופיסנס צום רבי'ן ר' מרדכי מקרעמניץ זי"ע, גייענדיג אזוי אונטערוועגנס האט זיך אראפגעלאזט א שווערער שלאקס רעגן, און פון מינוט צו מינוט האט זיך דער רעגן אלס מער געשטארקט, מיט א געוואלדיגע קעלט, און מיר זענען געווען דורכגעפרוירן ביז אינעווייניג אין די ביינער אז מיר האבן געשפירט ווי די נשמה גייט אונז ח"ו ארויס.

נאכן אפגיין אזוי א לענגערע וועג האבן מיר געטראפן א הויז, מיר זענען אריינגעגאנגען אינעווייניג און מיר האבן געזעהן אז דארט וואוינט א גוי, האבן מיר פארשטאנען אז מיר האבן דארט נישט וואס צו זוכן, און מיר האבן אנגעהויבן צוריק צו גיין, ווי דער גוי האט דאס געזעהן איז ער אונז נאכגעלאפן און ער האט זיך ממש געבעטן צו אונז אז מיר זאלן נישט אוועקגיין, נאר מיר זאלן אריינקומען צו אים אין שטוב, און מיר זאלן דארט איבערנעכטיגן ביי אים.

עס פארשטייט זיך אליינס אז אין אזא מצב האבן מיר נישט אפגעזאגט, מיר האבן זיך צוגעכאפט צו דעם פארשלאג מיט ביידע הענט, און דער גוי האט אונז טאקע זייער שיין מכבד געווען מיט א געשמאקןווארעמען געלעגער, און מיר האבן זיך דארט געקענט זייער געשמאק אויסרועהן.

דעם קומענדיגן אינדערפרי' זענען מיר אויפגעשטאנען, מיר האבן זיך זייער באדאנקט פאר דעם גוי און מיר זענען זיך ווייטער געגאנגען אונזער וועג צום רבי'ן.

אויפן וועג האט אויסגעבראכן א וויכוח צווישן מיר און מיין חבר, ווייל ער איז אזוי נתפעל געווארן פון דאס וואס דער גוי האט געטון פאר אונזערט וועגן, האט ער געזאגט "דאס איז אן ערליכער גוי", אבער איך האב גע'טענה'עט אז עס איז נישט ריכטיג נאר ער איז אן אומערליכער גוי, מיר האבן זיך נישט געקענט פארגלייכן

צווישן זיך, און עס איז געבליבן אז מיר גייען פרעגן דעם רבי'ן, און מיט וועמען דער רבי וועט מסכים זיין, אזוי וועלן מיר אננעמען זיין מיינונג.

אנקומענדיג צום רבי'ן רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע רופט ער זיך אן צו מיר "זאג נאר מאיר'ל, ברענגט מיר א ראי' אז ער איז אן אומערליכער גוי?"

האב איך תיכף געענטפערט פארן רבי'ן אז איך האב זייער א אפענע מפורש'ע ראי', ווייל דער מדרש ברענגט א מימרא פון רבן שמעון בר יוחאי "**הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב**", קומט דאך אויס אז הלכה'דיג איז דאס אזוי אז עשו האט פיינט יעקב, מילא ווען דער גוי וואלט אונז ארויסגעווארפן פון שטוב און ער וואלט אונז מרחק געווען וואלט ער דאך געטון ווי אזוי די "הלכה" פארלאנגט דאן איז שייך צו זאגן אויף אים אז אן ערליכער גוי ווייל ער פירט זיך 'כהלכה', אבער דער גוי האט אונז דאך אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד, און ער האט אונז מקרב געווען מיט אלע סארט קרבות, האט ער דאך געטון קעגן די 'הלכה', אויב אזוי איז ער דאך אן אומערליכער גוי".

דאן האט דער רבי געזאגט אז איך בין גערעכט.

האט דער **רבי רבי מאיר'ל** אויסגעפירט די מעשה רעדענדיג צו דעם רב "לכאורה איז דאך דא שווער א גרויסע קשיא אויף בלק, פארוואס איז ער געגאנגען און אויסגעגעבן שווערע געלטער און השתדלות צו ברענגען דעם בלעם אז ער זאל קומען שעלטן די אידן, ער האט דאך זיכער געוואוסט אז ער האט נישט וואס מורא צו האבן פון די אידן וועלכע זענען שטארק אנגעזאגט געווארן פון השי"ת "**אל תצר את מואב**" און ער האט געוואוסט אז אידישע קינדער וועלן מיט אים נישט מלחמה האלטן, אויב אזוי פארוואס דען האט ער געמאכט אזא בהלה? פארוואס האט ער געמאכט אזא איבערקערעניש?"

"נאר וואס דען? בלק ער איז געווען אן ערליכער גוי, און ער האט געטון ווי עס איז די 'הלכה, ממילא אפילו ער פאר זיך האט נישט געדארפט מורא האבן פון די אידן, אבער מכח די 'הלכה' האט ער געטון אלעס וואס ער קען צו טשעפענען די אידן, און צוליב די סיבה איז אים כדאי געווען צו ברענגען בלעם זאל שעלטן די אידן, און אז בלק איז געווען אן ערליכער גוי, מעג מען מיט אים אנהייבן די סדרה.

# פרקי אבות

## פרק חמישי

*

**הוי עז כנמר וקל כנשר וכו' הוא היה אומר עז פנים לגהנם:**

דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** האט אמאל געזאגט א הערליכן טייטשט ביי די "פתיחה" פאר די בחורים:

ווען די משנה ברענגט א מימרא און דערנאך זאגט ער הוא היה אומר וויל ער ארויסברענגען אז דער זעלבער תנא האט געזאגט דיביידע מימרות און דאס צייגט אז די ביידע מידות ברויכן גיין אינאיינעם.

**יהודה בן תימא** זאגט אז א איד ברויך אין זיך האבן די מדה פון עזות, א איד ברויך קענען לוחם זיין פאר כבוד שמים, ער מוז קענען שטיין מיט א תקיפות קעגן די מהרסי הדת, אבער מען ברויך וויסן א פונקטליכן ציל ביז וואו מען מעג זיך פירן מיט מידת העזות, **ווייל "הוא היה אומר"** דער זעלבער יהודה בן תימא זאגט, עז פנים לגהנם, אז אן עזות פנים גייט אין גהנם.

קומט דאך אויס אז מידת העזות איז ווייט נישט אזא גוטע מדה, נאר מען ברויך וויסן א גענויע ליניע וואו עס איז וויכטיג זיך צו באניצן מיט מידת העזות און וואו מען מוז דערפון אנטלויפן כמטחוי קשת, דאס ווענדט זיך צו עס איז נוגע לכבוד שמים (די פתיחה באריכות זע אין ספה"ק דברי יואל פר' חיי ע' תצ"ה).